# דער בריוו צו די עפּעזער

א פּאָולוס, אַ שליח פון יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ דורך דעם רָצון פון גאָט, צו
די הייליקע, וואָס זענען אין עפּעזוס, און די גלויביקע אין יֵשוּעַ
2 הַמָשִׁיחַ. חֶסֶד צו אייך און שָלום פון גאָט, אונדזער פאָטער,
3 און דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ. געלויבט זאָל זיין דער גאָט
און פאָטער פון אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, וואָס האָט אונדז
געבענטשט מיט יעדער גייַסטיקער בְּרָכה אין די הימלישע
4 מקומות אין מָשִׁיחַן. אַזוי ווי ער האָט אונדז אויסדערוויילט אין
אים, איידער די וועלט איז געגרונטפעסטיקט געוואָרן, אַז מיר
5 זאָלן זיין הייליק און אָן אַ מום פאַר אים אין ליבע; בעת ער
האָט אונדז פאַרויסבאַשטימט צו זיין קינדער פאַר אים דורך
6 יֵשוּעַ הַמָשִׁיחַ, לויט דעם ווילגעפעלן פון זיין רָצון, צום לויב
פון דעם כָּבוד פון זיין חֶסֶד, מיט וואָס ער האָט אונדז פריי
7 באַשאָנקען אין דעם באַליבטן. אין אים האָבן מיר די ישועה
דורך זיין בלוט, די פאַרגעבונג פון אונדזערע זינד, לויט דער
8 עַשִירות פון זיין חֶסֶד, וואָס ער האָט פאַרמערט פאַר אונדז אין
9 יעדער חָכמה און פאַרשטענדיקייט, און האָט אַנטפּלעקט פאַר
אונדז דעם סוד פון זיין רָצון, לויט זיין ווילגעפעלן, וואָס ער
10 האָט אין אים באַשלאָסן פאַר אַ דורכפירונג אין דער פולקייט
פון די צייטן, איינצוזאַמלען אין מָשִׁיחַן אַלצדינג, וואָס איז אין די
11 הימלען, און וואָס איז אויף דער ערד. אין אים, אין וועמען אויך
מיר זענען געוואָרן יורשים, ווייל מיר זענען פאָרויס באַשטימט
געוואָרן לויט דער כַּוָונה פון אים, וואָס טוט אַלצדינג לויט דער
12 עֵצה פון זיין רָצון; כדי מיר זאָלן זיין צום לויב פון זיין כָּבוד,
13 מיר, וואָס האָבן פריער געהאָפט אין מָשִׁיחַן. אין וועמען אויך
איר, בעת איר האָט געהערט דאָס וואָרט פון דעם אֶמת, די
בשורה טובה פון אייער ישועה, און מַחמת איר האָט געגלויבט
אין אים, זענט איר פאַרחַתמעט געוואָרן מיט דעם רוחַ־הַקוֹדֶש
פון

14 פֿון דער הַבטָחה, וואָס איז אַן עָרבות פֿון אונדזער ירושה, פֿאַר
דער אויסלייזונג פֿון זיין אייגענעם האָב, צום לויב פֿון זיין כָּבוד.
15 צוליב דער דאָזיקער סִיבה, בעת איך האָב געהערט פֿון אייער
אֶמונה אין דעם האַר יֵשוּעַ, און פֿון דער ליבע צו אַלע הייליקע,
16 הער איך ניט אויף אָפּצוגעבן אַ שבַח פֿאַר אייך, בעת איך
17 דערמאָן אייך אין מיינע תפִילות, אַז דער גאָט פֿון אונדזער האַר
יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דער פֿאָטער פֿון הערלעכקייט, זאָל אייך געבן אַ
גייסט פֿון חָכמה און אַנטפּלעקונג אין דער דערקענטעניש פֿון
18 אים, און אַז ער זאָל ליכטיק מאַכן די אויגן פֿון אייער האַרץ, כּדי
איר זאָלט פֿאַרשטיין וואָס איז די האָפֿענונג פֿון זיין רופֿן, וואָס איז
די עֲשִירות פֿון דער הערלעכקייט פֿון זיין נַחלה אין די הייליקע,
19 און וואָס איז די אומפֿאַרגלייַכלעכע גרויסקייט פֿון זיין מאַכט
לגַבי אונדז, וואָס גלויבן, לויט יענער ווירקונג פֿון דער קראַפֿט
20 פֿון זיין שטאַרקייט, וואָס ער האָט געווירקט אין מָשִיחַן, בעת
ער האָט אים מחַיֶה־מֵתים געווען, און האָט אים געזעצט צו זיין
21 רעכטער האַנט אין די הימלישע מקומות, העכער איבער יעדער
מֶמשָלה, און שלִיטה, און מאַכט, און מלוכה, און יעדן נאָמען,
וואָס ווערט אָנגערופֿן, ניט נאָר אין דער דאָזיקער וועלט, נייערט
22 אויך אויף דער עולָם־הַבָא. און אַלצדינג האָט ער אונטערטעניק
געמאַכט אונטער זיינע פֿיס, און האָט אים געמאַכט פֿאַר דעם
23 ראָש איבער אַלצדינג אין דער קְהִילה, וואָס איז זיין לייַב, די
פֿולקייט פֿון אים, וואָס פֿילט אָן אַלץ אין אַלעמען.
ב און אייך האָט ער לעבעדיק געמאַכט, בעת איר זענט געווען
2 טויט דורך אייערע עֲבֵירות און זינד, אין וועלכע איר זענט
אַמאָל געווען לויט דעם סֵדר פֿון דער דאָזיקער וועלט, לויט
דעם שַר פֿון די כּוחות פֿון דער לופֿט, פֿון דעם גייסט, וואָס
3 ווירקט אַצינד אין די קינדער פֿון ווידערשפּעניקייט. צווישן
וועמען אויך מיר אַלע האָבן אַמאָל געלעבט אין די תַאוות
פֿון אונדזער פֿלייש, בעת מיר האָבן געטאָן די באַגערן פֿון
דעם לייַב און פֿון דעם פֿאַרשטאַנד, און זענען געווען בטֶבע
קינדער

4 קינדער פֿון גרימצאָרן, אַזוווי די איבעריקע. נאָר גאָט, וואָס
איז רײַך אין דערבאַרעמדיקייט, האָט צוליב זײַן גרויסער ליבע,
5 מיט וועלכער ער האָט אונדז ליב געהאַט, אַפֿילו בעת מיר
זענען געווען טויט דורך אונדזערע עֲבֵירות, האָט אונדז לעבעדיק
געמאַכט אינאיינעם מיט מָשיחַן (דורך חֶסֶד זענט איר נִיצול
6 געוואָרן), און האָט אונדז אויפֿגעוועקט מיט אים, און אונדז
7 געטאָן זעצן אין די הימלישע מקומות, אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, כּדי אין
די דורות, וואָס קומען, זאָל ער באַווײַזן די אומפֿאַרגלײַכלעכע
עֲשירות פֿון זײַן חֶסֶד אין גוטסקייט לגַבּי אונדז אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ.
8 וואָרים מיט חֶסֶד זענט איר נִיצול געוואָרן דורך דער אֱמונה;
9 און דאָס ניט פֿון אײַך אַליין, עס איז די מַתָּנה פֿון גאָט ־ ניט
10 פֿון מַעשׂים, כּדי קיינער זאָל זיך ניט רימען. וואָרים מיר זענען
זײַן ווערק, געשאַפֿן אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ פֿון מַעשׂים־טובֿים וועגן,
וואָס גאָט האָט פֿון פֿריער אָנגעברייט, כּדי מיר זאָלן לעבן
11 אין זיי. געדענקט דעריבער, אַז איר, גויים אין דעם פֿלייש,
זענט אַמאָל גערופֿן געוואָרן עֲרֵלים פֿון יענע, וואָס ווערן גערופֿן
12 געמַלטע אין דעם פֿלייש, דורכגעפֿירט מיט הענט, אַז איר זענט
אין יענער צייט געווען אָפּגעשיידט פֿון מָשיחַן, פֿאַרפֿרעמדט פֿון
דעם בירגער־רעכט פֿון יִשׂרָאֵל, און פֿרעמדע פֿון די בונדן פֿון
13 דער הַבטָחה, אָן אַ האָפֿענונג און אָן גאָט אין דער וועלט. איצט
אָבער, אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, זענט איר, וואָס זענט אַמאָל געווען
ווײַט, געבראַכט געוואָרן נאָענט דורך דעם בלוט פֿון מָשיחַן.
14 וואָרים ער איז אונדזער שָלום, וואָס האָט פֿון ביידע געמאַכט
איינס, און האָט אײַנגעוואָרפֿן די צווישנוואַנט פֿון דער מחִיצה,
15 און האָט בָּטל געמאַכט אין זײַן פֿלייש די שׂנאה, די תּורה פֿון
מִצוות און חוקים, כּדי ער זאָל באַשאַפֿן אין זיך פֿון די צוויי
16 איין נײַעם מענטשן, און אויף אַזאַ אופֿן מאַכן שָלום; און זאָל
באַווייליקן ביידע צו גאָט אין איין לײַב דורך דעם צלָב, מיט וואָס
17 ער האָט געטייט די שׂנאה. און ער איז געקומען און האָט מבַשׂר
געווען שָלום צו אײַך, וואָס זענט געווען ווײַט, און שָלום צו די,

וואס

18 וואָס זענען געווען נאָענט. וואָרים דורך אים האָבן מיר ביידע
19 אונדזער צוטריט אין איין גייסט צו דעם פֿאָטער. דעריבער זענט
איר ניט מער קיין גֵרים און נָכְרִים, נייערט איר זענט תּושבים
20 מיט די הייליקע, און פֿון דעם הויזגעזינד פֿון גאָט, געבויט אויף
דעם יסוד פֿון די שלִיחים און נבִיאים, פֿון וואָס יֵשוּעַ הַמָשִיחַ
21 אַליין איז דער ווינקלשטיין; אין וועמען דער גאַנצער בִנין איז
צוזאַמענגעבויט, און וואַקסט אויס אין אַ הייליקן מִקדש אין דעם
22 האַר; אין וועמען אויך איר זענט אויפֿגעבויט פֿאַר אַ וואוינאָרט
פֿון גאָט אין דעם גייסט.
ג צוליב דעם בין איך, פּאָולוס, דער געפֿאַנגענער פֿון יֵשוּעַ
2 הַמָשִיחַ פֿאַר אייך, וואָס זענט פֿון די אומות־הָעולם ־ אויב
איר האָט געהערט פֿון דער אויסטיילונג פֿון דעם חֶסֶד פֿון
3 גאָט, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פֿון אײַערטוועגן, ווי אַזוי
דורך הִתגַלות איז מיר באַקענט געוואָרן דער סוד, ווי איך
4 האָב אייך שוין פֿריער געשריבן בקִיצור. בעת איר וועט
דאָס לייענען, וועט איר קענען דערשאַצן מיין פֿאַרשטענדעניש
5 אין דעם סוד פֿון מָשִיחַן, וואָס איז אין אַנדערע דורות ניט
באַקענט געוואָרן פֿאַר די מענטשנקינדער, ווי דאָס איז אַצינד
אַנטפּלעקט געוואָרן פֿאַר זיינע הייליקע שלִיחים און נבִיאים אין
6 דעם גייסט; דאָס הייסט, אַז די גויים זענען מיט־יורשים, גלידער
פֿון דעם אייגענעם לייַב, און טיילנעמער פֿון דער הַבטָחה אין
7 יֵשוּעַ הַמָשִיחַ דורך דער בשורה טובה, פֿון וועלכער איך בין
געמאַכט געוואָרן אַ מְשָרֵת, לויט דער מַתָנה פֿון דעם חֶסֶד,
וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פֿון גאָט, לויט דער ווירקונג פֿון
8 זיין גבורה. צו מיר, וואָס כאָבין דער מינדסטער פֿון אַלע
הייליקע, איז דער דאָזיקער חֶסֶד געגעבן געוואָרן, אָנצוזאָגן פֿאַר
די אומות־הָעולָם די אומדערפֿאָרשטבאַרע עַשִירות פֿון מָשִיחַן,
9 און צו מאַכן אַלעמען זען וואָס איז דער רַעיון פֿון דעם סוד, וואָס
איז פֿון אייביקייט געווען פֿאַרהוילן אין גאָט, וואָס האָט באַשאַפֿן
10 אַלצדינג; כּדי דורך דער קהִילה זאָל אַצינד באַקענט געמאַכט
ווערן

ווערן צו די הערשער און מֶמשָלות אין די הימלישע מקומות
11 די פילפאַכע חָכמה פון גאָט, לויט דער אייביקער כַּוָנה, וואָס
12 ער האָט באַשלאָסן אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, אונדזער האַר, אין וועמען
מיר האָבן מוטיקייט און צוטריט מיט זיכערקייט דורך אונדזער
13 אֶמונה אין אים. דעריבער בעט איך אייך, אַז איר זאָלט ניט
אָפּגעשוואַכט ווערן איבער מיינע צָרות פונוועגן אייך, וואָס זענען
14 אייער לויב. צוליב דעם בייג איך מיינע קני פאַר דעם פאָטער,
15 פון וועמען אַלע מִשפָּחות אין הימל און אויף דער ערד ווערן
16 אָנגערופן, אַז ער זאָל אייך באַוויליקן, לויט דער עַשירות פון
זיין כָּבוד, אַז איר זאָלט געשטאַרקט ווערן מיט גבורה דורך
17 זיין גייסט אין דעם אינעווייניקסטן מענטשן, און אַז מָשיחַ זאָל
וואוינען אין אייערע הערצער דורך אֶמונה, כּדי אַז איר, וואָס
18 זענט איינגעוואָרצלט און געגרונטפעסטיקט אין ליבע, זאָלט
קענען פאַרשטיין מיט אַלע הייליקע וואָס איז די ברייט, און לענג,
19 און הייך, און טיפקייט, און צו פאַרשטיין די ליבע פון מָשיחַן,
וואָס שטייגט איבער קענטעניש, כּדי איר זאָלט ווערן פול מיט
20 דער גאַנצער פולקייט פון גאָט. און פאַר אים, וואָס איז בּיכולת
צו טאָן אַ סך מער ווי אַלץ, וואָס מיר בעטן, אָדער טראַכטן,
21 לויט דעם כּוח, וואָס ווירקט אין אונדז, פאַר אים זאָל זיין דער
כָּבוד אין דער קהילה, און אין יֵשוּעַ הַמָשיחַ, ביז צו אַלע דורות
לעולמֵי־עולמים אָמֵן.

ד דעריבער בעט איך אייך, דער געפאַנגענער אין דעם האַר, צו
לעבן ווערדיק אין דעם באַרוף, מיט וועלכן איר זענט באַרופן
2 געוואָרן, מיט יעדער הַכנָעה און עַניוות, מיט געדולדיקייט צו
3 פאַרטראָגן איינער דעם אַנדערן אין ליבע, און פלייסט אייך
אָפּצוהיטן די אַחדות פון דעם גייסט אין דעם בונד פון שָלום.
4 עס איז פאַראַן איין גוף, און איין גייסט, אַזוי ווי איר זענט אויך
5 באַרופן געוואָרן אין איין האָפענונג פון אייער באַרוף, איין האַר,
6 איין אֶמונה, איין טבילה, איין גאָט און פאָטער פון אַלצדינג,
7 וואָס איז איבער אַלץ, און דורך אַלץ, און אין אַלץ. נאָר יעדן

איינעם

איינעם פֿון אונדז איז דער חֶסֶד געגעבן געוואָרן לויט דער מאָס
8 פֿון דער מַתָּנה פֿון מָשִׁיחַן. דעריבער זאָגט ער: בעת ער איז
אַרויפֿגעגאַנגען אין דער הייך, האָט ער געפֿאַנגען געפֿענקעניש,
9 און געגעבן מַתָּנות צו מענטשן. בכֵן, דאָס דאָזיקע: ער איז
אַרויפֿגעגאַנגען, וואָס מיינט עס דען אַנדערש, ווי אַז ער האָט
אויך אַראָפּגענידערט אין די אונטערשטע טיילן פֿון דער ערד?
10 דער, וואָס האָט אַראָפּגענידערט, איז אויך דער דאָזיקער, וואָס
איז אַרויפֿגעשטיגן הויך איבער אַלע הימלען, כּדי ער זאָל מְמַלֵא
11 זיין אַלצדינג. און ער האָט טייל געמאַכט פֿאַר שלִיחים, און
טייל ־ נבִיאים, און טייל ־ מבַשׂרים, און טייל ־ פֿאַר פּאַסטוכער
12 און לערער, פֿונוועגן דער שלֵימות פֿון די הייליקע, פֿאַר דעם
ווערק פֿון דער עֲבוֹדה, פֿאַר דער אויפֿבויאונג פֿון דעם לייַב פֿון
13 מָשִׁיחַן, ביז מיר אַלע וועלן דערגרייכן די אַחדות פֿון דער אֱמונה,
און די דערקענטעניש פֿון דעם בֶּן־אֱלֹהִים, צו אַ פֿולקאָמענעם
מענטשן, צו דער מאָס פֿון דעם וואוקס פֿון מָשִׁיחַס פֿולקייט;
14 כּדי מיר זאָלן מער ניט זיין קיין קינדער, געשליידערט אַהין און
אַהער און אַרומגעטראָגן מיט יעדן ווינט פֿון לערנונג, דורך דער
אָפּנאַרערייַ פֿון מענטשן, אין כיטרעקייט, לויט דער גענאַרערייַ
15 פֿון טָעות, נייערט צו רעדן דעם אֶמת אין ליבע, און וואַקסן אין
16 אַלצדינג צו אים, וואָס איז דער ראָש, מָשִׁיחַ, פֿון וועמען דער
גאַנצער לייַב, צונויפֿגעשטעלט און צוזאַמענגעפּלאָכטן, דורך
דעם, וואָס יעדער אֵבר טראָגט בייַ, לויט דער ווירקונג אין דער
געגעבענער מאָס פֿון יעדן באַזונדערן טייל, וואָס מאַכט דאָס
וואַקסן פֿון דעם לייַב צו דער אויפֿבויאונג פֿון זיך אַליין אין
17 ליבע. דאָס דאָזיקע זאָג איך דעריבער, און זאָג עֵדות אין דעם
האַר, אַז איר זאָלט מער ניט לעבן ווי סע לעבן די גוֹיים; אין
18 דער נישטיקייט פֿון זייער זין, וואָס איז פֿאַרפֿינצטערט אין זייער
פֿאַרשטענדעניש, פֿאַרפֿרעמדט פֿון דעם לעבן פֿון גאָט, צוליב
דער אומוויסן, וואָס איז אין זיי, צוליב דער פֿאַרהאַרטונג פֿון
19 זייער האַרץ, וואָס אָן געפֿילן האָבן זיי זיך איבערגעגעבן דער

20 תַּאווה, צו טאָן יעדע אומריינינקייט מיט גִּיריקייט. איר אָבער
21 האָט מָשִׁיחַן ניט אַזוי געלערנט׳ אויב איר האָט באֶמת פֿון אים
געהערט, און זענט אין אים געלערנט געוואָרן, אַזוי ווי דער אֶמת
22 אין אין יֵשׁוּעַן, זאָלט איר אָפּטאָן דאָס, וואָס איז נוֹגֵעַ אייער
פֿריערדיקן לעבנסשטייגער, דעם אַלטן מענטש, וואָס ווערט
23 פֿאַרדאָרבן דורך די תַּאוות פֿון אָפּנאַרעריי, און אַז איר זאָלט
24 באַנייט ווערן אין דעם גייסט פֿון אייער פֿאַרשטאַנד, און אָנטאָן
דעם נייעם מענטש, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן כִּדְמוּת אֱלֹהִים
25 אין גערעכטיקייט און הייליקייט פֿון אֶמת. דעריבער זאָלט איר
אָפּטאָן פֿאַלשקייט, און רעדט דעם אֶמת יעדער איינער מיט זיין
26 חַבר, וואָרים מיר זענען אֵברים איינער פֿון אַנדערן. זייט בּרוגז,
27 און זינדיקט ניט; זאָל די זון ניט אונטערגיין אויף אייער רוגז; און
28 גיט אויך ניט קיין פּלאַץ פֿאַר דעם שָׂטָן. זאָל דער, וואָס האָט
געגַנבעט, מער ניט גַנבענען, נייערט זאָל ער ליבער אַרבעטן,
און טאָן גוטס מיט זיינע הענט, כּדי ער זאָל האָבן פֿון וואָס
29 צו געבן דעם, וואָס איז נויטבאַדערפֿטיק. זאָל קיין נִבוּל־פֶּה
ניט אַרויסקומען פֿון אייער מויל, נייערט נאָר דאָס, וואָס עס
איז נייטיק פֿאַר דער אויפֿבויאונג, כּדי עס זאָל צוגעבן חֵן צו
30 די, וואָס הערן. און זייט ניט מצַער דעם רוּחַ־הַקוֹדֶש פֿון גאָט,
אין וועמען איר זענט פֿאַרחַתמעט געוואָרן ביז דעם טאָג פֿון
31 גאולה. זאָל יעדע ביטערקייט, און כַּעס, און רוגזה, און געשריי,
און חילול־השם אָפּגעטאָן ווערן פֿון אייך, מיט יעדער רִשעות.
32 און זייט גוט איינער צום אַנדערן, דערבאַרעמדיק, זייט מוחל
איינער דעם אַנדערן, אַזוי ווי גאָט האָט אויך אייך מוחל געווען
אין מָשִׁיחַן.

ה גייט דעריבער אין די דְרָכים פֿון גאָט, ווי באַליבטע קינדער,
2 און לעבט אין ליבע, אַזוי ווי מָשִׁיחַ האָט אויך אייך ליב געהאַט,
און האָט זיך מַקריב געווען פֿון אונדזערטוועגן, אַ קָרבן און אַ
3 זֶבח פֿאַר אַ רֵיחַ־ניחוֹחַ צו גאָט. אָבער זנות, און יעדע טומאה,
אָדער גייַציקייט, זאָל דאָס אַפֿילו ניט דערמאָנט ווערן צווישן
אייך

4 איך, ווי סע פּאַסט פֿאַר הייליקע; ניט קיין פֿאַרדאָרבנקייט, ניט
קיין נאַרישע רייד, אָדער לֵיצָנות, וואָס זענען ניט פּאַסיק, נייערט
5 טוט ליבער דאַנקלויבן. וואָרים דאָס זאָלט איר וויסן, אַז קיין
נואף, אָדער אומריינער, אָדער גייַציקער מענטש, וואָס איז אַ
געצנדינער, האָט ניט קיין שום נַחלה אין דעם מַלכות פֿון מָשִׁיחַ
6 און גאָט. זאָל אייך קיינער ניט אָפּנאַרן מיט פּוסטע מעשׂיות;
וואָרים צוליב די דאָזיקע זאַכן קומט דער גרימצאָרן פֿון גאָט
7 אויף די קינדער פֿון ווידערשפּעניקייט. האָט דעריבער ניט קיין
8 מַגע־ומַשׂא מיט זיי. וואָרים אַמאָל זענט איר געווען פֿינצטערניש,
איצט אָבער זענט איר ליכטיקייט אין דעם האַר; לעבט ווי
9 קינדער פֿון ליכטיקייט (וואָרים די פֿרוכט פֿון דעם ליכט איז אין
10 יעדער גוטסקייט און רעכטפֿאַרטיקייט און אֶמת), און פּרואווט
11 וואָס סע איז וואוילגעפֿעלן פֿאַר דעם האַר. און פֿירט ניט קיין
מַגע־ומַשׂא מיט די אומפּרוכפּערדיקע מַעשׂים פֿון פֿינצטערניש,
12 נייערט שטראָפֿט זיי ליבער. וואָרים דאָס, וואָס זיי טוען בסֵתר,
13 וועגן דעם איז אַ חרפּה אַפֿילו צו רעדן. אָבער אַלצדינג, וואָס
ווערט געשטראָפֿט, ווערט אַנטפּלעקט פֿון דעם ליכט; וואָרים
14 אַלצדינג, וואָס ווערט נִתגלה, איז ליכטיקייט. דעריבער זאָגט
ער: וואַך אויף, דו, וואָס טוסט שלאָפֿן, און שטיי אויף פֿון די
15 טויטע, און מָשִׁיחַ וועט לייכטן אויף דער. גיט אַכטונג דעריבער
16 וויאַזוי איר לעבט, ניט ווי נאַראָנים, נייערט ווי חֲכָמִים, לייזט
17 אויס די צייט, מַחמת די טעג זענען שלעכט. זייט דעריבער ניט
קיין נאַראָנים, נייערט פֿאַרשטייט, וואָס עס איז דער רָצון פֿון
18 דעם האַר. און שיכּורט אייך ניט אָן מיט וויין, וואָס פֿירט צו
19 פֿאַרשייַטקייט, נייערט ווערט פֿול מיט דעם גייסט; רעדט איינער
צום אַנדערן מיט שירות און תִּשבָּחות און גייַסטיקע נגונים,
20 און זינגט און שפּילט אין אייערע הערצער צו גאָט; גיט תָּמיד
פֿאַר אַלצדינג אַ דאַנק אין דעם נאָמען פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
21 הַמָשִׁיחַ צו גאָט, אונדזער פֿאָטער. זייט אונטערטעניק איינער
22 דעם אַנדערן אין דער פֿאָרכטיקייט פֿון מָשִׁיחַן. ווייבער, זייט

אונטערטעניק צו אײערע אײגענע מענער, אַזױװי צו דעם האַר.
23 װאָרים דער מאַן איז דער קאָפּ פֿון דעם װײַב, אַזױװי מָשיחַ איז
24 דער קאָפּ פֿון דער קהִילה, און אױך דער גואֵל פֿון דעם גוף. נאָר
אַזױװי די קהִילה איז אונטערטעניק צו מָשיחַן, אַזױ זאָלן אױך די
25 װײַבער זײַן אין אַלצדינג צו זײערע מענער. מענער, האָט ליב
אײערע װײַבער, אַזױװי מָשיחַ האָט אױך ליב געהאַט די קהִילה,
26 און האָט זיך פֿאַר איר מַקריב געװען, כּדי ער זאָל זי מַקדש זײַן,
נאָכדעם װי ער האָט זי מְטַהר געװען דורך דער װאַסער־װאַשונג
27 מיט דעם װאָרט, כּדי ער זאָל פֿאַר זיך פֿירשטעלן די קהִילה אַ
הערלעכע, װאָס האָט ניט קײן פֿלעק, אָדער אַ קנײטש, אָדער
28 כּדומה, נײערט אַז זי זאָל זײַן הײליק און אָן אַ מום. פּונקט אַזױ
דאַרפֿן אױך מענער ליב האָבן זײערע װײַבער װי זײער אײגן
לײַב. דער, װאָס האָט ליב זײַן אײגן װײַב, האָט ליב זיך אַלײן;
29 װאָרים קײנער האָט קײנמאָל ניט פֿײַנט זײַן אײגן פֿלײש, נײערט
ער נערט עס און האַלט עס טײער, אַזױװי מָשיחַ די קהִילה,
30, 31 מַחמת מיר זענען אֵברים פֿון זײַן לײַב. צוליב דעם זאָל אַ
מענטש פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטער און מוטער, און זיך באַהעפֿטן אָן
32 זײַן װײַב, און די צװײ זאָלן װערן אײן לײַב. דער דאָזיקער סוד איז
גרױס; איך רעד אָבער אין שײַכות מיט מָשיחַן און דער קהִילה.
33 בכֵן, זאָל יעדער אײנער פֿון אײַך ליב האָבן זײַן אײגן װײַב אַזױװי
זיך אַלײן; און זאָל דאָס װײַב מורא האָבן פֿאַר איר מאַן.
1 קינדער, פֿאָלגט אײערע עלטערן אין דעם האַר; װאָרים דאָס
2 איז רעכט. גיב אָפּ כּבֿוד דײַן פֿאָטער און מוטער (דאָס איז
3 די ערשטע מִצוה מיט אַ הַבטָחה), כּדי סע זאָל דיר גוט זײַן,
4 און דו זאָלסט לאַנג לעבן אױף דער ערד. און איר, פֿאָטערס,
דערצערנט ניט אײערע קינדער, נײערט דערציט זײ אין מוסר און
5 װאָרענונג פֿון דעם האַר. קנעכט, זײַט געהאָרכזאַם צו די, װאָס
זענען לױט דעם פֿלײש אײערע האַרן, מיט מורא און ציטערניש,
6 מיט דער אױפֿריכטיקײט פֿון אײער האַרץ, װי צו מָשיחַן; ניט
אױף דעם אופֿן פֿון דינען לפָּנים, װי די, װאָס װילן געפֿעלן װערן
מענטשן

מענטשן, נייערט ווי קנעכט פֿון מָשיחַן, וואָס טוען פֿון האַרצן
7 דעם רָצון פֿון גאָט, צו טאָן די אַרבעט מיט גוטן רָצון, ווי פֿאַר
8 דעם האַר, און ניט פֿאַר מענטשן, ווייל איר ווייסט, אַז וואָסער
גוטס יעדער איינער טוט, דאָס זעלבע וועט ער קריגן צוריק פֿון
9 דעם האַר, סיי ער איז אַ קנעכט, אָדער פֿריי. און איר, האַרן, טוט
דאָס זעלבע פֿאַר זיי, און פֿאַרמיידט דאָס דראָען ווייל איר ווייסט,
אַז דער, וואָס איז סיי זייער האַר און אייערער, איז אין הימל, און
10 ביי אים איז ניטאָ קיין נושׂא־פּנים זיין מענטשן. צום סוף, זייט
11 געשטאַרקט אין דעם האַר, און אין דעם כּוֹחַ פֿון זיין גבורה. טוט
אָן דעם גאַנצן פּאַנצער פֿון גאָט, כּדי איר זאָלט זיין בִיכולֶת
12 ביי־צושטיין די פֿאַלשקייטן פֿון דעם שָׂטן. וואָרים אונדזער
קאַמף איז ניט קעגן בלוט און פֿלייש, נייערט קעגן די שָׂרים,
קעגן די מושלים, קעגן די וועלט־הערשער פֿון דער דאָזיקער
פֿינצטערניש, קעגן די גייַסטיקע הערשאַפֿטן פֿון רִשעות אין די
13 הימלישע מקומות. דעריבער, נעמט אויף אייך דעם גאַנצן
פּאַנצער פֿון גאָט, כּדי איר זאָלט זיין בִיכולת אויסצוהאַלטן אין
14 דעם בייזן טאָג, און, נאָכן טאָן אַלצדינג, צו באַשטיין. שטייט
דעריבער, אַז איר וועט האָבן אָנגעגורט אייערע לענדן מיט
אֶמת, און האָבן אָנגעטאָן די ברוסט־שילד פֿון רעכטפֿאַרטיקייט,
15 און האָבן באַשוכט אייערע פֿיס מיט דער אָנגעברייטקייט פֿון
16 דער בשׂורה טובה פֿון שָׁלום. צו דעם הייבט אויף די שילד
פֿון אֱמונה, מיט וואָס איר וועט זיין בִיכולת צו פֿאַרלעשן אַלע
17 פֿייַעריקע פֿייַלן פֿון דעם רָשע. און נעמט דעם קווער פֿון דער
ישועה, און די שווערד פֿון דעם גייסט, וואָס איז דאָס וואָרט פֿון
18 גאָט. זייט תָּמיד מִתפּלֵל אין דעם גייסט, מיט יעדער תּפִילה און
בַקָשה. און וואַכט דערצו מיט יעדער געדולדיקייט און בקָשה
19 פֿאַר אַלע הייליקע, און פֿון מייַנעטוועגן, אַז מיר זאָל געגעבן
ווערן דאָס וואָרט ביים עפֿענען מיין מויל, צו אַנטפּלעקן מיט
20 מוטיקייט דעם סוד פֿון דער בשׂורה טובה, פֿאַר וועלכער איך
בין אַ שליח אין קייטן; און כּדי איך זאָל רעדן מוטיק, ווי איך

21 באַדאַרף צו רעדן. און כדי איר זאָלט אויך וויסן ווי סע גייט
מיר, און וואָס איך טו, וועט טיכיקוס, דער באַליבטער ברודער
און געטרייער דינער פֿון דעם האַר, אייך מודיע זיין אַלצדינג.
22 אים האָב איך געשיקט צו אייך פֿונוועגן דעם טאַקע, כדי איר
זאָלט וויסן ווי סע גייט אונדז, און כדי ער זאָל טרייסטן אייערע
23 הערצער. שָלום צו די ברידער, און ליבשאַפֿט מיט אֶמונה פֿון
24 גאָט, דעם פֿאָטער, און דער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ. חֶסֶד זאָל זיין
מיט אַלע די, וואָס האָבן ליב אונדזער האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ מיט אַן
אומפֿאַרדאַרבלעכער ליבע.